**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/5/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול זאגט אן פאר'ן דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צו ארבעטן מיט פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע מיטארבעטער צו האלטן נארטראפ גראממאן (NORTHROP GRUMMAN) פאראנטווארטליך**

***פארמאכטע דראמס געפונען ביי בעטפעידזש קאמיוניטי פארק נישט פארהאן קיין באלדיגע געפאר צו פובליק געזונטהייט און זיכערהייט***

***רעידאר טעסטינג האלט אינמיטן צו אידענטיפיצירן און אדרעסירן סיי וועלכע צוגעקומענע אונטערערדישע דראמס***

***אויספארשן און אויפרוימען לעגאסי פארפעסטיגונג איז א פריאריטעט פאר ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנגעזאגט פאר די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (DEC) צו ארבעטן מיט פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע מיטארבעטער צו האלטן נארטראפ גראממאן פאראנטווארטליך פאר די אנגייענדע אויפרוימונג פון די בעטפעידזש קאמיוניטי פארק נאך די די לעצטיגע אנטדעקונג פון זעקס, 55-גאלאן דראמס אין א אפגעשפארטע פלאץ אונטער די געוועזענע שפיל-פעלד. אונטער שטרענגע DEC אויפזיכט, וועט די ארבעט פארזעצן צו פאראויס רוקן די ברייטע אויספארשונג, אייגהאלטונג, און אויפרוימונג פון די U.S. נעיווי-גראממאן ערדישע וואסער פליום פארבינדן מיט היסטארישע אפעראציעס פון גראממאן'ס בעטפעידזש איינריכטונג און די U.S. נעיווי וואפן אינדוסטריאלע רעזערוו פארבריק. די פארמאכטע דראמס זענען געפונען געווארן אין צייט פון די אנגייענדע אויפרוימונג פון די שפיל-פעלד געגנט אין די טאון פון אויסטער בעי.

"ניו יארק איז א נאציאנאלע פירער ווען עס קומט צו אדרעסירן לעגאסי פארפעסטיגונג און מיר רוקן פאראויס א ריזיגע באמיאונג צו אויפרוימען די בעטפעידזש קאמיוניטי פארק און באשיצן די איינוואוינער פון אויסטער בעי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך זאג אן פאר DEC צו ארבעטן מיט מיטארבעטער צו בעסער מאכן די אויפרוימונג ארבעט וואס האלט דארט אינמיטן צו געבן פאר ניו יארקער די רואיגקייט אינעם צייט וואס מיר ארבעטן ווייטער צו באשיצן זייער טרינקען וואסער און האלטן פארפעסטיגער פאראנטווארטליך."

אונטער גאווערנער האקול'ס אנווייזונג, בעט DEC פון נארטראפ גראממאן צו בעסער מאכן די ארבעט וואס האלט שוין אינמיטן און איינפירן ווייטערדיגע אויפרוימונג אין געוויסע געגנטער וועלכע קענען ווארשיינליך זיין אויסגעשטעלט צו נאך בוי-ארבעט אדער אינפראסטרוקטור אקטיוויטעטן. נארטראפ גראממאן האט זיך שוין פריער אונטערגענומען צו אראפנעמען די אויבערשטע צוויי פיס פון זאמד איבער די גאנצע שפיל-פעלד און עס ערזעצן מיט ריינע זאמד, וואס דאס וואלט ערפולט די אויפרוימונג סטאנדארטן פאר אן אקטיווע שפיל-פעלד.

אלס טייל פון די אויפרוימונג פלאן צו אדרסירן PCB-פארפעסטיגטע זאמד, וועט DEC אויך בעטן נארטראפ גרוממאן צו אוועקוואַרפן אלע פארפעסטיגטע זאמד ערגעץ אנדערש ביי א לייסענסד אויסוואַרף איינריכטונג ווי איידער נוצן די זאמד אלס אונטערשטע זאמד צו אנפולן לעכער אין טיפערע ערטער פונעם פעלד ווי אידענטיפיצירט אין א פריערדיגע פלאן.

צו העלפן אז די פראיעקט זאל זיך ווייטער רוקן אויפ'ן ריכטיגן גאנג, בעט DEC אויך פון נארטראפ גרוממאן צו אנטוויקלען א קלארע סקעדזשול מיט שטראפן פאר נישט אויספאלגן די צייט דעדליינס און פארנעם פון ארבעט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער באזיל סעגאס האט זאגט,** "מיר זענען אנטשלאסן צו אנהאלטן ניו יארק סטעיט'ס באמיאונגען צו גענצליך איינהאלטן און אויפרוימען די נעיווי-גרוממאן ערדישע וואסער פליום. די ארבעט איז א הויפט פריאריטעט פאר ניו יארק סטעיט און היינט שטייען מיר מיט גאווערנער האקול צו שיקן א שטארקע מעסעדזש פאר פארפעסטיגער אז זיי וועלן געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך פאר די שאדן וואס זיי פאראורזאכן צו די ענווייראמענט און אונזערע קאמיוניטיס."

אין רעאקציע צו די אנטדעקונג אין ענדע מערץ 2024 פון זעקס, 55-גאלאן דראמס געהאלטן אין צעמענט אונטער די שפיל-פעלד פלאץ פון בעטפעידזש קאמיוניטי פארק, ארבעט DEC צוזאמען מיט סטעיט, פעדעראלע, און לאקאלע מיטארבעטער צו פארזיכערן אז שריט ווערן גענומען צו זיכערהייט אפשאצן די אינהאלט פון די פעסער און צו אנטוויקלען א פלאן צו ארויסנעמען די דראמס פאר פאסיגע באהאנדלונג און ארויסווארפונג פון זייער אינהאלט. די אנטדעקונג פון די דראמס איז נישט א באלדיגע געפאר צו פובליק געזונטהייט און זיכערהייט אויפ'ן די ארט.DEC וועט אפדעיט'ן די טאון און קאמיוניטי איבער באשטעטיגונגס ביישפילן גענומען ארום די פארמאכטע דראמס אין די צייט וואס די אינפארמאציע וועט ווערן אוועילעבל. ווייטערדיגע טעסטינג, נוצנדיג רעידאר וואס דרינגט אריין אין די ערד, האלט אינמיטן ווערן דורכגעפירט צו אידענטיפיצירן און אדרעסירן סיי וועלכע צוגעקומענע אונטערערדישע דראמס וועלכע קענען זיך דארט געפונען. לערנט מער איבער די באמיאונגען אויף די DEC [וועבזייטל](#).

DEC האלט ווייטער א שטרענגע אויג אויף די אויפרוימונג פון די בעטפעידזש קאמיוניטי פארק אין די טאון פון אויסטער בעי אלס טייל פון די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויספארשן, איינהאלטן, און אויפרוימען די נעיווי-גרוממאן ערדישע וואסער פליום. די אויפזיכט האט שוין געפירט צו די ערפאלגזאמע פארענדיגונג פון עטליכע אויפרוימונג אקטיוויטעטן, אריינגערעכנט ערדישע וואסער מאניטאר'ן גרובער, ביי די פארק וואס האט אוועקגענומען טויזנטע פונט פון פארפעסטיגער אויפ'ן ארט פון ערד און ערדישע וואסער, ארויסגענומען איבער א ביליאן גאלאן פון פארפעסטיגטע ערדישע וואסער, אפגעהאלטן פארפעסטיגער פון זיך באזעצן נעבן די ארט, און האט באשיצט די לאנג איילענד איינציגע קוואל וואסער סיסטעם.

די אנטדעקונג פון די דראמס אין אן ארט פון אנגייענדע אויפרוימונג אין די שפיל-פעלד איז נישט א באלדיגע געפאר צו פובליק געזונטהייט און זיכערהייט אויפ'ן ארט. אויך, זייט 2009, האט די DEC געפאדערט די ווייטערדיגע אפעראציע פון א ערדישע וואסער איינהאלטונג סיסטעם אינעם פארק, וואס האט אוועקגעפירט איבער 2,500 פונט פון געפארפולע באשטאנדטיילן זייט איר גרינדונג. דאס איינהאלטונג סיסטעם האט ערפאלגזאם אפגעהאלטן פארפעסטיגונג פון סיי וועלכע ווייטערדיגע באזעצונג נעבן דעם ארט אריין צו די לאנג איילענד וואסער סיסטעם און די דאונגרעידיענט פובליק וואסער איינריכטונגען. אויך, האט מאניטארינג זייט 2009 געוויזן אז ערדישע וואסער קוואליטעט ווערט בעסער דאונגרעידיענט פון די פארק, און איינוואוינער פונעם טאון פון אויסטער בעי טרינקען ווייטער וואסער וואס קומט נאך סטעיט און פעדעראלע טרינקען וואסער סטאנדארטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן